STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02290

VYATSHESLAV MIKHAYLOVITSH MOLOTOV

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

[illegible]
שלום און שפרה קרישטאַלקע
ביבליאָטעק

וויאטשעסלאוו מיכײַלאָוויטש

מאָלאָטאָוו

קורצע ביאָגראַפיע

צוזאמענגעשטעלט

ג. א. טיכאָמירנאָוו

מעלוכע-פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע 1940

Переводчик — М. Итковнч.

Редактор перевода *И. Лев.*
Техредатор *А. Фридкин.*
Корректор *А. Хармац.*

Сдано в набор 27/III-1940 г. Подписано к печати 25/IV-1940 г.
Формат бум. 70×102¹/₃₂. 0,5 п. л. 0,6 уч. изд. лист.
Государственное изд-во „Дер Эмес" № 422.
Уполном. Главлита РСФСР А—27606
Тираж 10.000 экз. Заказ типографии № 2192

17-я ф-ка нац. книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига".
Москва, Шлюзовая наб., 10.

מ אָ ל אָ ט אָ וו (**ס ק ר י א ב י נ**), וויאטשעסלאוו מיכײַלאָוויטש, איז געבוירנ געוואָרנ דעמ 9 מארט 1890 יאָר אינ דער סלאָבאָדע קוקארקע וויאטקער גובערניע (איצט — שטאָט סאָוועטסק, קיראָווער געגנט) אינ דער פאמיליע פונ א פריקאשטשיק.

אינ 1902 יאָר קומט מאָלאָטאָוו אָנ אינ דער 1-טער קאזאנער רעאל-שול. געפינענדיק זיכ אינ א קרײַז פונ רעוואָליוציאָנער געשטימטער יוגנט, איז ער שוינ אינ 1905 יאָר צוגעשטאנענ צו דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אונ האָט זיכ באטייליקט אינ רעוואָליוציאָנערע קרײַזלעכ, מיטינגענ אונ דעמאָנסטראציעס קעגנ דעמ צאריזמ. אינ 1906 יאָר טרעט מאָלאָטאָוו ארײַנ אינ דער סאָציאל-דעמאָקראטישער (באָלשעוויסטישער) אָרגאניזאציע פונ קאזאנ, אונ זומער-צײַט באטייליקט ער זיכ אינ דער סאָציאל-דעמאָקראטישער אָרגאניזאציע פונ דער שטאָט נאָלינסק (איצט — קיראָווער געגנט), וווּ עס האָבנ זיכ אינ יענע יאָרנ געפונענ ניט ווייניק פארשיקטע רעוואָליוציאָנערנ. אינ קאזאנ ווערט ער איינער פונ די הויפט-אָרגאניזאטאָרנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ טייל פונ די שילער פונ די מיטל-שולנ. אינעמ פעריאָד נאָכנ 1905 יאָר, ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די צארישע רעאקציע אונ די אינטעליגענץ איז מאסנווײַז אוועק פונ דער רעוואָליוציע, האָט דער דאָזיקער טייל שילער געשפילט א היפשע רעוואָליוציאָנערע ראָליע צווישנ דער שטודירנדיקער יוגנט פונ דער שטאָט קאזאנ אונ האָט זיכ פאקטיש געפונענ אונטער דער אָנפירונג פונעמ מארקסיסטישנ טייל יוגנט, וועלכער איז געווענ נאָענט צו די באָלשעוויקעס. אָט די רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע פונ די שילער שאפט אינ די לערנ-אנשטאלטנ פונ קאזאנ א גאנצע ריי אומלעגאלע קרײַזלעכ מיט אנ אלשטאָטישנ אָנפירנדיקנ צענטער, אינ וועלכנ עס גייט ארײַנ מאָלאָטאָוו.

די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע פונ די שילער פונ די מיטלשולנ דערלערנט אינ פארלויפ פונ די יאָרנ 1907—1909 אינ אירע קרײַזלעכ די גרונט-פראגנ פונעמ מארקסיזמ אונ פונ דער רע-

וואָליוציאָנערער באוועגונג, זי פירט אָנ מיט די אָפאָזיציאָנעלע ארויסטרעטונגענ פונ די שילער קעגנ דעמ קאזארמע=רעזשימ אינ שול, זי אָרגאניזירט געלט=זאמלונגענ אונ מאטעריעלע הילפ פאר די ארעסטירטע אונ פארשיקטע רעוואָליוציאָנערנ, זי העלפט פארשפרייטנ די באָלשעוויסטישע ליטעראטור, הייבט אָנ פירנ א פראָפאגאנדיסטישע ארבעט צווישנ די ארבעטער.

אינ אפרעל 1909 יאָר, ערעוו די ארויסלאָז=עקזאמענס אינ דער רעאל=שול, ווערט מאָלאָטאָוו צוזאמענ מיט אייניקע מיטגלידער פונ דער רעוואָליוציאָנערער אָרגאניזאציע פונ די שילער ארעסטירט, אונ אינ יונ דעמ זעלבנ יאָר ווערט ער ארויסגעשיקט אָפ 2 יאָר אינ וואָלאָגדער גובערניע.

אינ פארשיקונג געפינט זיכ מאָלאָטאָוו צוערשט אינ די שטעט טאָטמע אונ סאָלוויטשעגאָדסק, אונ דערנאָכ אינ דער שטאָט וואָלאָגדע. דאָ גיט ער אָפ אלס עקסטערנ די ארויסלאָז=עקזאמענס פאר א רעאל=שול.

אינ וואָלאָגדע, ווו ער געפינט זיכ אונטער א פאָליציי=אויפזיכט אלס א פארשיקטער, פירט ער אנ אקטיווע אומלעגאלע פארטייִשע ארבעט צווישנ די אייזנבאנ=ארבעטער, וועלכע שטעלנ מיט זיכ פאָר אינ וואָלאָגדע די פראָלעטארישע הויפט=קאדרענ. די וואָלאָגדער באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציע, וועלכע איז פאקטיש געשאפנ געוואָרנ דורכ מאָלאָטאָוונ, פארשטארקט באדייטנדיק איר ארבעט אינ די יאָרנ 1910—1911, זי פירט פעסט דורכ די אנטיליקווידאטאָרישע ליניע פונ די באָלשעוויקעס. אינ די דאָזיקע יאָרנ גיט מאָלאָטאָוו אָפ גרויס אויפמערקזאמקייט דעמ שטודירנ די גרונט=ווערק פונעמ מארקסיזמ („קאפיטאל“ אונ אנד.). די וואָלאָגדער אונ וויאטקער זשאנדארמ=פארוואלטונגענ פארצייכענענ אינ זייערע אגענטור=סוואָדקעס, אז מאָלאָטאָוו „צייכנט זיכ אויס מיט זיינ קענענ די סאָציאל=דעמאָקראטישע פראָגראמ אונ ליטעראטור“, אז „ער איז אנ ערנסטער אָרגאניזאטאָר“.

נאָכנ ענדיקנ דעמ פארשיקונג=טערמינ פאָרט מאָלאָטאָוו אינ יונ 1911 יאָר קיינ פעטערבורג אונ קומט אָנ אינ פעטערבורגער פאָלי-

טעכנישנ אינסטיטוט. דאָ פירט ער דורכ א גרויסע ארבעט אינ
פראט פונ צוזאמענבאהעלטנ די באָלשעוויסטישע קאדרענ פונ דער
סטודענטנשאפט. בא זײַנ אקטיווג אָנטייל זײַנענ געשאפנ געוואָרנ
באָלשעוויסטישע גרופּעס אויכ אינ אנדערע הויכשולנ פונ פעטערבורג.
די דאָזיקע גרופּעס זײַנענ פאראייניקט געוואָרנ אינ אנ אלשטאָטישנ
קאָמיטעט פונ די באָלשעוויסטישע סטודענטנ-אָרגאניזאציעס. די דאָ-
זיקע באָלשעוויסטישע סטודענטנ-אָרגאניזאציעס פונ פעטערבורג
שאפנ א רײ אומלעגאלע סטודענטנ-קרײַזלעכ, פירנ דורכ אינ די
הויכשולנ רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ פונ דער סטודענטנ-
שאפט קעגנ צאריזמ, פארשפּרייטנ באָלשעוויסטישע פּראָקלאמאציעס
אאַוו. די באָלשעוויסטישע סטודענטנ-אָרגאניזאציעס, וואָס זײַנענ אינ
יענער צײַט געווענ א וויכטיקער מיטהעלפער פונ דער פארטיי אינ
איר טעטיקײַט צווישנ די ארבעטער, גיבנ די הויפּט-קרעפטנ פאר
דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאגאנדע צווישנ די פעטערבורגער אר-
בעטער. מאָלאָטאָוו פירט דערבײַ אנ ארבעט איינצײַטיק אינ עטלעכע
ארבעטער-קרײַזלעכ.

פונ אָנהייב 1912 יאָר ארבעט מאָלאָטאָוו אינ דער באָלשעוויס-
טישער צײַטונג „זוועזדא“ אונ נעמט דעמ נאָענטסטנ אָנטייל אינ
שאפנ די לעגאלע באָלשעוויסטישע טעגלעכע צײַטונג „פּראַוודא“.
מאָלאָטאָוו גייט ארײַנ אינ באשטאנד פונ דער רעדאקציע „פּראַוודא“
אונ ארבעט אינ איר אקטיוו מיט, דרוקנדיק ארטיקלענ אָנ אנ אונ-
טערשריפט אונ אונטער די פּסעוודאָנימענ: א. ריאבינ, וו. מיכײַלאָוו,
א. זוואנאָוו. פונ דעמלט אָנ הייבט מאָלאָטאָוו אָנ צו באגעגענענ זיכ
מיטנ כאווער סטאלינ, וועלכער האָט אינ פעטערבורג דירעקט אָנגע-
פירט מיטנ שאפנ די „פּראַוודא“. זײַענדיק דער סעקרעטאר פונ דער
רעדאקציע אינ 1912 יאָר אונ איינער פונ די אָנפירער פונ „פּראַוו-
דא“, פירט מאָלאָטאָוו א קאָרעספּאָנדענצ מיטנ אויסלענדישנ צענ-
טער פונ די באָלשעוויקעס אונ פערזענלעכ מיט וו. אי. לענינענ. ניט
געקוקט אפ די פארפאָלגונגענ פונ דער פּאָליציי, וועלכע האָט אימ
געצוווּנגענ אריבערצוגיינ אינ סאָפ 1912 יאָר אפ אנ אומלעגאלער
לאגע, ארבעט מאָלאָטאָוו אלס מיטגליד פונעמ פעטערבורגער קאָ-

מיטעט פונ די באָלשעוויקעס, ער פירט א פראָפאגאנדיסטישע ארבעט אינ וויבאָרגער ראיאָנ אונ צווישנ די אײַזנבאנער פונ דער ניקאָלײַעווער (איצט — אָקטיאבערישער) אײַזנבאנ, ער באטייליקט זיכ אויכ אינ דער וואל=קאמפאניע צו דער IV מעלוכע=דומע אונ אינעמ אָנפירנ מיט דער באָלשעוויסטישער דומע=פראקציע.

אינ דער גאנצער ארבעט זײַנער פירט מאָלאָטאָוו אנ אומקאָמפראָמיסלעכנ קאמפ קעגנ דער ליקווידאטאָרײַ (קעגנ מענשעוויזמ) אונ קעגנ די אנדערע אנטיבאָלשעוויסטישע שטרעמונגענ אינ פעטערבורג, פאָרזעצנדיק אויכ מיטצוארבעטנ אינ דער „פראוודא“.

אינ אפרעל 1913 יאָר, ווענ די צארישע אָכראנקע האָט ליקווידירט דעמ „פארייניקטנ סאָציאל=דעמאָקראטישנ סטודענטנ=קאָמיטעט“, ווערט מאָלאָטאָוו ארעסטירט, אונ אינ עטלעכע כאדאָשימ ארומ ווערט ער ארויסגעשיקט פונ פעטערבורג. אימ ווערט פארבאָטנ צו וווינענ אינ א גאנצער ריי גרויסע שטעט אונ אינדוסטריעלע גובערניעס (די אזויגערופענע „64 פונקטנ“).

באפרײַט זיכ פונ טורמע, באזעצט זיכ מאָלאָטאָוו אויסער די גרענעצנ פונ פעטערבורג, אָבער ניט ווײַט פונ אימ, אונ פירט ווײַטער אנ אומלעגאלע פארטיי=ארבעט אינ דער פעטערבורגער אָרגאניזאציע פונ די באָלשעוויקעס אונ אינ „פראוודא“.

אינ דעמ דאָזיקנ פעריאָד פונ זײַנ מיטארבעט אינ „פראוודא“,— אינ דער צווייטער העלפט 1913 יאָר—באטייליקט זיכ מאָלאָטאָוו אקטיוו אינ דער ארבעט פונ די פעטערבורגער פראָפעסיאָנעלע פאריינענ. ער טרעט ארויס אפ די פראָפפארייניש פארזאמלונגענ פונ די ארבעטער, ער באלויכט אינ „פראוודא“ זייער טעטיקײַט, ער העלפט די באָלשעוויסטישע טוער אינ די פראָפפאריינענ אינ זייער אָנפירנדיקער ארבעט אונ אויכ אינעמ ארויסגעבנ פראָפפארייניש זשורנאלנ. סאָפ 1913 יאָר ווערט מאָלאָטאָוו ווידער ארעסטירט, מע באשולדיקט אימ אינ באטייליקנ זיכ אינ דער טעטיקײַט פונעמ פעטערבורגער קאָמיטעט פונ דער רסדאפ(ב). אזויווי אָבער עס איז ניטאָ קיינ גענוגנדיקע צאָל באווײַזנ, ווערט ער באפרײַט פונ טורמע, בלײַבנדיק אונטער פאָליציי=אויפזיכט. מאכמעס דעמ, וואָס אימ איז פארבאָטנ

צו ווינעג אינ פעטערבורג גופע, באזעצט זיכ מאַלאַטאָוו ווידער הינ=
טער פעטערבורג אונ פירט וויטער די באָלשעוויסטישע ארבעט
צווישנ די ארבעטער, אויכ אינ „פראוודא“ אונ אינעם באָלשעווים=
טישנ זשורנאל „פראָסוועשטשעניע“, די ארבעט, וועלכע איז איבער=
געריסנ געוואָרנ אינ צוזאמענהאנג מיטנ ארעסט.

אינ מײַ 1914 יאָר ווערט מאָלאָטאָוו ווידער ארעסטירט אונ
ווערט אינגיכנ ארויסגעשיקט. אימ ווערט פארבאָטנ צו וווינענ אינ
דער הויפטשטאָט אונ אינ א סאכ אנדערע שטעט אונ גובערניעס
(די אזויגערופענע „45 פונקטנ“).

צומ אָנהייב פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע געפינט זיכ
מאָלאָטאָוו אינ פעטערבורג. ער פארנעמט א קאָנסעקווענטע לענינישע
פאָזיציע אינ דער פראגע וועגנ מילכאָמע אונ רעוואָליוציע, פירנדיק
אנ אומקאָמפראָמיסלעכנ קאמפ קעגנ די שאָוויניסטישע וואקלונגענ
אינ די רייענ פונ די ארבעטער=אָרגאניזאציעס.

אינגיכנ פאָרט ער אריבער קיינ מאָסקווע אונ וויקלט דאָרט פא=
נאנדער אנ ארבעט אפ אופצושטעלנ די באָלשעוויסטישע מאָסקווער
אָרגאניזאציע, וועלכע איז אינ אָנהייב פונ דער מילכאָמע צעגראָ=
מירט געוואָרנ דורכ דער צארישער אָכראנקע. דאָ פירט מאָלאָטאָוו
אנ אקשאָנעסדיקע, אָנגעשטרענגטע ארבעט אפ צונויפזאמלענ די צע=
זייטע אונ צעשפרייטע קרעפטנ פונ די מאָסקווער באָלשעוויקעס אונ
אָפצורייניקנ די פארטיי=רייענ פונ די פילצאָליקע פראָוואָקאטאָרנ אָכ=
ראניקעס, וואָס זײַנענ דעמלט דאָרט געווענ. אימ גיט זיכ אײַנ צו
אָרגאניזירנ עטלעכע אקטיווע באָלשעוויסטישע גרופעס אינ פארשיי=
דענע ראיאָנענ פונ מאָסקווע. די גרונט=ארבעט פירט מאָלאָטאָוו
צווישנ די ארבעטער פונ לעפאָרטאָווער, סימאָנאָווער אונ פרעסנער
ראיאָנענ, אָנפירנדיק מיטנ שאפנ פארטיי=אָרגאניזאציעס אינ די
מאָסקווער זאוואָדנ אונ פאבריקנ, מיטנ ארויסגעבנ אונ פארשפרייטנ
באָלשעוויסטישע ליטעראטור קעגנ דעמ צאריזמ אונ קעגנ דער אימ=
פעריאליסטישער מילכאָמע.

אינ פרילינג 1915 יאָר איז צוגעגרייט געוואָרנ דער צונויפרופ
פונ דער מאָסקווער אָלשטאָטישער קאָנפערענצ פונ די באָלשעוויקעס,

אָבער צוליב דער מעסירע פונ די פראָוואָקאַטאָרנ אָכראַניקעס, וואָס האָבנ זיכ ארײַנגעשמוגלט אינ דער אָרגאַניזאציע, איז מאָלאָטאָוו אינ יונ ארעסטירט געוואָרנ, אונ אינ סענטיאבער דעמ זעלבנ יאָר איז ער ארויסגעשיקט געוואָרנ מיטנ עטאפ אפ 3 יאָר אינ דער אירקוטסקער גובערניע (אינ דאָרפ מאנזורקע).

אינ מײַ 1916 יאָר איז מאָלאָטאָוו געלאָפנ פונ דער סיבירער פארשיקונג אונ איז אוועקגעפאָרנ קיינ פעטראָגראד. דאָרט פירט ער אנ אומלעגאלע ארבעט אלס א פארטייִשער פראָפעסיאָנאל.

אינ הארבסט 1916 יאָר ווערט מאָלאָטאָוו, לויט דער אָנווײַזונג פונעמ צענטראל-קאָמיטעט פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ אויסלאנד, קאָאָפטירט אינעמ באשטאנד פונ דער רוסלענדישער ביוראָ פונ צק פונ די באָלשעוויקעס, וועלכע האָט אונטער וו. אי. לענינס קעסיידערדיקער אונ אקטיווסטער אָנפירונג אָרגאניזירט די באָלשעוויסטישע קרעפטנ אינ רוסלאנד בײַמ דער מילכאָמע. מאָלאָטאָוו פירט אנ אָנפירנדיקע ארבעט אינ דער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע אינ פעטראָגראד, ער פאָרט ארויס קיינ מאָסקווע אפ צו פארשטארקנ די מאָסקווער באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציע, ער האלט פארבינדונגענ מיט די פארטיי-אָרגאניזאציעס אינ די מיליטערישע טיילנ אונ אינ דער פראָווינצ. א רײ קאמפ-פראָקלאמאציעס, וואָס די ביוראָ פונעמ צק אונ דער פעטערבורגער קאָמיטעט פונ די באָלשעוויקעס האָבנ ארויסגעגעבנ אונ וואָס זײַנענ געווענ געווידמעט דער מילכאָמע אונ די אקטועלסטע אויפגאבנ פונ דער ארבעטער-באוועגונג, זײַנענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ בא מאָלאָטאָווס נאָענטסטנ אָנטייל. אינ דעמ דאָזיקנ פעריאָד ארבעט מאָלאָטאָוו מיט אויכ אינעמ איינציקנ לעגאלנ באָלשעוויסטישנ זשורנאל „וואָפראָסי סטראכאָוואניא“. בײַקומענדיק די גרויסע שוועריקײַטנ פונעמ אומלעגאלנ לעבנ אינ מילכאָמע-צײַט, בײַטנדיק אָפט דעמ פאספאָרט אונ די דירע, געלינגט מאָלאָטאָוונ אויסצומײַדנ אנ ארעסט אונ צו באטייליקנ זיכ דירעקט אינ דער באָלשעוויסטישער אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וועלכע האָט צוגעגרייט די פעוורال-רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר.

ביימ דער בורזשואז-דעמאָקראטישער פעווראל-רעוואָליוציע אונ דערנאָכ אינ פארלויפ פונ דער גאנצער ווייטערדיקער ארבעט אינ פעטראָגראד איז מאָלאָטאָוו א מיטגליד פונעמ פעטראָגראדער קאָמיטעט פונ דער רסדאפ(ב). אלס פאָרשטייער פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי גייט ער ארייג אינעמ אויספיר-קאָמיטעט פונעמ פעטראָגראדער ראט פונ די ארבעטער-דעפוטאטנ פונעמ ערשטנ טאָג אָנ, זינט דער ראט האָט זיכ אויסגעבילדעט, ער נעמט דעמ נאָענטסטנ אָנטייל אינעמ שאפנ די סאָלדאטנ-סעקציע אונ אינעמ פארוואנדלענ דעמ פעטראָגראדער ראט אינ א ראט פונ ארבעטער- אונ סאָלדאטנ-דעפוטאטנ, ער באטייליקט זיכ אינ דער גאנצער ארבעט פונ דער באָלשעוויסטישער פראקציע פונעמ ראט. מאָלאָטאָוו פירט אָנ מיטנ אופשטעלנ אונ ארויסלאָזנ די „פראוודא“, אונ ביז כאווער סטאלינס אומקערנ זיכ פונ סיבירער פארשיקונג איז ער איינער פונ די הויפט-רעדאקטאָרנ פונ „פראוודא“. מאָלאָטאָוו נעמט אויכ א אקטיוונ אָנטייל אינ דער ארבעט פונ דער אפרעלער פארטיי-קאָנפערענצ, פונעמ VI פארטיי-צוזאמענפאָר, זייענדיק איינער פונ די אָנפירער פונ דער פעטראָגראדער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע. אינ דעמ דאָזיקנ פעריאָד איז מאָלאָטאָוו, פונקט ווי פריער, אפנ ענגסטנ אויפנ פארבונדנ מיט די ארבעטער פונ וויבאָרגער ראיאָנ, ווו די באָלשעוויסטישע פאָזיציעס אינ פעטראָגראד זיינענ געווענ באזונדערס פעסט.

ביימ דער צוגרייטונג אונ אינ די טעג פונ דער סאָציאליסטישער אָקטיאבער-רעוואָליוציע איז מאָלאָטאָוו איינער פונ די אָנפירער פונ די באָלשעוויקעס, וואָס ארבעטנ אינ פעטראָגראד דירעקט אונטער וו. אי. לענינס אונ כאווער סטאלינס אָנפירונג. אלס פאָרשטייער פונעמ פעטראָגראדער קאָמיטעט פונ די באָלשעוויקעס איז ער א מיטגליד פונעמ מיליטעריש-רעוואָליוציאָנערנ קאָמיטעט, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטנ אויפשטאנד אינ די אָקטיאבער-טעג, אונ דערנאָכ ווערט ער איינער פונ די גרונט-אָנפירער פונעמ פעטראָגראדער ראט פונ די ארבעטער- אונ סאָלדאטנ-דעפוטאטנ.

אינ אָנהייב 1918 יאָר ווערט מאָלאָטאָוו ארויסגערוקט אלס פאָר-

זיצער פונעם ראט פונ דער פאָלקסווירטשאפט פונ צאָפנ-ראיאָנ, אינ וועלכנ עס זײַנענ דעמאלט ארײַנגעגאנגענ 7 צאָפנ-גובערניעס, דערונטער אויכ די פעטראָגראדער גובערניע. אונטער זײַנ אָנפירונג ווערט אינ פעטראָגראד אונ אינ דער גאנצער צאָפנדיקער געגנט דורכגעפירט די נאציאָנאליזאציע פונ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ, עס ווערט אמברייטסטנ אָרגאניזירט דער ארבעטער-קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע. אינ פראָצעס פונ דער דאָזיקער ארבעט באהערשנ די ארבעטער פונ די פעטראָגראדער זאוואָדנ די קאָמפליצירטע טעכניק פונ פארוואלטנ מיט דער פראָדוקציע, אונ צום ערשטנ מאָל רוקנ זיי ארויס פונ זייער סוויווע אָנפירנדיקע קאדרענ בויער פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט. א סאכאקל פונ דער ערשטער פראקטישער דערפארונג פונ בויענ די סאָציאליסטישע ווירטשאפט ווערט אונטער מאָלאָטאָווס אָנפירונג געמאכט אינ דער בראָשור „וויאזוי די ארבעטער בויענ די סאָציאליסטישע ווירטשאפט“, דערשינענ סאָפ 1918 יאָר.

זומער 1919 יאָר ווערט מאָלאָטאָוו באשטימט אלס באפולמעכטיקטער פונ דער פארטיי אונ פונ דער ראטנ-רעגירונג אינ וואָלגע-געביט, קעדיי אינ פארלויפ פונ א גאָר קורצער צײַט צו שאפנ אונ פארפעסטיקנ די סאָוועטישע אונ פארטייִשע אָרגאניזאציעס אינ די ראיאָנענ, וועלכע די רויטע ארמיי האָט באפרײַט פונעם טשעכאָסלאָוואקישנ אונ קאָלטשאקישנ מיליטער. צוזאמענ מיט אָנפירנדיקע טוער פונ פארשיידענע פאָלקאָמאטנ פאָרט ער ארום עטלעכע כאָדאָשימ נאָכאנאנד אפ א ספּעציעלנ דאמפער „קראסנאיא זוועזדא“ אונ באזוכט די בײַוואָלגער אונ בײַקאמער שטעט (ניזשני-נאָווגאָראָד, טשעבאָקסארי, קאזאנ, טשיסטאָפאָל, איזשעווסק, פערמ, סימבירסק, סאמארע, סאראטאָוו אונ אנד.), אונ אויכ א סאכ דערפער אפ דער וואָלגע אונ קאמע. אינעם וואָלגע-געביט ווערט אונטער זײַנ אָנפירונג דורכגעפירט א ברייטער פאָליטישער אונ פראקטישער אינסטרוקטאזש פונעם סאָוועטישנ אונ פארטייִשנ אפאראט אינ די שטעט אונ אינ די דערפער, אונ אויכ א גרויסע צאָל מאסנ-פארזאמלונגענ פונ ארבעטער, פויערימ אונ רויטארמייער.

פונ סאפ 1919 יאָר איז מאָלאָטאָװ פּאָרזיצער פונעם ניזשעגאָראָדער גובערניאלנ אויספּירקאָם, אונ אינ סענטיאבער 1920 יאָר שיקט אים דער צענטראל-קאָמיטעט פונ דער פּארטײ קײנ דאָנבאס, אינ ער װערט סעקרעטאר פונ דאָניעצער גובקאָם. אפנ IX אלרוסלענדישנ צוזאמענפאָר פונ דער רקפּ(ב) װערט מאָלאָטאָװ אויסגעװײלט אלס קאנדידאט פאר א מיטגליד פונ צק רקפּ(ב). אינ נאָיאבער 1920 יאָר אפ דער V קאָנפערענצ פונ דער קאָמוניסטישער פּארטײ פונ אוקראינע װערט מאָלאָטאָװ אויסגעװײלט אלס מיטגליד אונ סעקרעטאר פונ צק קפּ(ב) פונ אוקראינע. אינ די יאָרנ 1920—1921 פירט מאָלאָטאָװ אנטשײדנ דורכ די לענינישע ליניע אינ דער פּראָפּארײנישער דיסקוסיע קעגנ אלע אָפּאָזיציאָנעלע שטרעמונגענ—קעגנ די טראָצקיסטנ אונ בוכארינצעס, קעגנ דער „ארבעטער-אָפּאָזיציע“ אונ קעגנ די דעציסטנ (די גרופּע פונעם אזױגערופענעם „דעמאָקראטישנ צענטראליזם“). אפנ X אלרוסלענדישנ צוזאמענפאָר פונ דער פּארטײ אינ מארט 1921 יאָר, װענ די פּארטײ איז אונטער לענינס אָנפירונג אריבערגעגאנגענ צו דער נײער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, װערט מאָלאָטאָװ אויסגעװײלט אלס מיטגליד אונ פאראנטװאָרטלעכער סעקרעטאר פונ צק רקפּ(ב), אונ אויכ אלס קאנדידאט פאר א מיטגליד פונ דער פּאָליטביוראָ פונ צק. מאָלאָטאָװס גאנצע ארבעט אינ צק רקפּ(ב) גײט דורכ בא דער טאָגטעגלעכער דירעקטער פארבינדונג מיט לענינענ, אונטער זײנ נאָענטסטער אָנפירונג, אונ אויכ בא דער שטענדיקער אָנפירנדיקער הילפ מיצאד דעמ כאװער סטאלינ.

פונ דער דאָזיקער צײט אָנ ארבעט װ. מ. מאָלאָטאָװ אינ מאָסקװע. ער באטײליקט זיכ אינ דער גאנצער אָנפירנדיקער ארבעט פונ דער פּארטײ אונ פונ דער ראטנ-מעלוכע, ער פארטײדיקט פעסט די לענינישע ליניע אינעמ קאמפּ פונ דער פּארטײ קעגנ דעמ טראָצקיזמ אונ קעגנ די אנדערע קלײנבירגערלעכע גרופּעס אונ שטרעמונגענ.

פונ יאנואר 1926 יאָר, נאָכנ XIV פּארטײ-צוזאמענפאָר, איז מאָלאָטאָװ א מיטגליד פונ דער פּאָליטביוראָ פונ צק אלקפּ(ב). אינ פארלויפ פונ א רײ יאָרנ איז מאָלאָטאָװ אויכ א מיטגליד פונ אויס-

פירקאָמ פונ קאָמינטערנ. אינ 1927 יאָר ווערט מאָלאָטאָוו מיטגליד פונ פרעזידיום פונ וציק, אינ 1929 יאָר — מיטגליד פונ פרעזי-דיום פונ ציק פונ פססר. אינמיטנ 1928 יאָר, אינעם פעריאָד, ווענ עס האָט זיכ צעפלאקערט דער קאמפ פונ דער פארטיי קעגנ די רעכטע, וועלכע האָבנ געשטעלט זייער הויפט-קאָרט אפ אריבערציִ-ציִענ אפ זייער זייט די מאָסקווער אָרגאניזאציע, האָט די פארטיי ארויסגערוקט מאָלאָטאָוונ אלס סעקרעטאר פונ מק אלקפ(ב), איבער-לאָזנדיק אימ גלייכצייטיק אלס סעקרעטאר פונ צק אלקפ(ב).

פונ 19 דעקאבער 1930 יאָר ארבעט וו. מ. מאָלאָטאָוו אפנ פאָסטנ פונ פאָרזיצער פונ ראטפאָלקאָמ פונ פססר.

ארויסטרעטנדיק אפנ פארייניקטנ דעקאבער-פלענום פונ צק אונ צקק אינ 1930 יאָר, האָט כ' מאָלאָטאָוו, אינ צוזאמענהאנג מיטנ נאָמינירנ אימ אלס פאָרזיצער פונ ראטפאָלקאָמ פונ פססר, געזאָגט:

„איכ מוז איצט, אינ צוזאמענהאנג מיט מיינ נייער נאָ-מינירונג, זאָגנ עטלעכע ווערטער וועגנ זיכ, וועגנ מיינ ארבעט.

איכ בינ געוואקסנ אינ דער באָלשעוויסטישער פארטיי אונ בינ מיט איר פארבונדנ דורכ א סאכ יאָרנ קעסיידערדיקער ארבעט. איכ, אלס קאָמוניסט, האָב ניט אונ קאָנ ניט האָבנ קיינ גרעסערנ פארלאנג, ווי זיינ אינ טאט לענינס א שילער. ניט קיינ לאנגע צייט איז מיר אויסגעקומענ צו ארבעטנ אונ-טער לענינס דירעקטער אָנפירונג, אָבער פאר מיר, אלס קאָ-מוניסט, איז שטענדיק געווענ אונ פארבלייבט אלס הויפט-אופ-גאבע — באהערשנ מארקס—לענינס לערע אונ אקטיוו באטיי-ליקנ זיכ אינעם פארקערפערנ אינ לעבנ די מארקסיסטיש-לע-נינישע לערע. אינ פארלויפ פונ די לעצטע יאָרנ איז מיר, אלס סעקרעטאר פונ צענטראל-קאָמיטעט, אויסגעקומענ דורכ-צוגיינ די שול פונ באָלשעוויסטישער ארבעט אונטער דער די-רעקטער אָנפירונג פונ לענינס בעסטנ שילער, אונטער דער די-רעקטער אָנפירונג פונעמ כאווער סטאלינ. איכ שטאָלציר דער-מיט.

ביז איצט איז מיר אויסגעקומענ צו ארבעטנ, הויפטזאכ-

לעב, אלס פארטיי-טוער. איכ מעלד איבּ, כאוויירימ, אז אויפ אפ דער ארבעט אינ ראטפאלקאמ גיי איכ אלס פארטיי-טוער, אלס דורכפירער פונעמ ווילנ פונ דער פארטיי אונ פונ איר צענטראל-קאמיטעט" (מ א ל א ט א ו, אינ קאמפ פאר סאציאליזמ, ז. 76, פארטיזדאט, 1934 יאר).

מאלאטאוו האט שטענדיק געפירט אונ פירט א קאנסעקווענטנ קאמפ פאר די אידייענ פונעמ מארקסיזמ-לענינימ, פעסט באשיצנדיק די פארטיי-ליניע קעגנ די פיינט פונ דער פארטיי אונ פונעמ סאוועטישנ פאלק, קעגנ די טראצקיסטנ, זינאוויעוועצעס, בוכארינצעס אונ די אנדערע אגענטנ פונ דער בורזשואזיע אונ פונעמ פאשיזמ.

מאלאטאווס אלע ארויסטרעטונגענ, פארטראגנ אונ ארטיקלענ זיינענ דורכגעדרונגענ מיטנ וויסנ די טעאריע פונעמ מארקסיזמ-לענינימ, זיי זיינענ געצילט קעגנ אלע אונ אלערליי אנטילענינישע אפנייגנ אונ אפאזיציעס. די פארטיי פלעגט ניט זעלטנ אנטרויענ מאלאטאוונ אויסצופילנ וויכטיקע אופגאבנ פונ קאמפ קעגנ די אנטיבאלשעוויסטישע אפאזיציעס אינ באזונדערע גרעסטע פארטיי-ארגאניזאציעס (לענינגראד, מאסקווע, אוראל); זי פלעגט אימ ניט זעלטנ אנטרויענ דורכצופירנ אנטשיידנדיקע ווירטשאפטלעכ-פאליטישע אופגאבנ, ווי, צומ ביישפיל, די גאווסטע אופגאבע צו מעכאניזירנ די קוילנ-אינדוסטריע פונ דאנבאס, דורכצופירנ די ברויט-פארגרייטונגענ, די אופגאבע פונ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופנטומ, די קאלווירטישע בויונג אאוו., שיקנדיק אימ אפ א לענגערער צייט אפ דער פעריפעריע: קיינ אוקראינע, אפ צאפנ-קאווקאז, קיינ סיביר אונ אנדערע ראיאנענ.

אינ פארלויפ פונ די יארנ 1921—1930 האט מאלאטאוו אלס סעקרעטאר פונ צק אלקפ(ב) געהאט צו שאפנ איבער די פראגנ פונ פארטיי-בויונג אונ פונ צוקלייבנ פארטיי-קאדרענ. אפ די דאזיקע טעמעס זיינענ פארעפנטלעכט זיינע פאלגנדיקע ווערק: „די פראגנ פונ פארטיי-פראקטיק" (א בראשור), „די פארטיי אונ דער לענינישער פריזיוו" (א בראשור), די פארטראגנ איבער ארגאניזאציאנעלע פראגנ אפנ XI, XIII אונ XIV פארטיי-צוזאמענפארנ אונ אנד. ווערק.

אָנגעהויבנ פונ 1924 יאָר, ווענ די פּאַרטיי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די צוגרייטונג פונעם דאָרפ צום אריבערגײן אויפנ וועג פונ קאָלעקטיוויזאַציע, פלעגט מאָלאָטאָוו ניט איינ מאָל באַאויפטראָגט ווערנ אַרויסצוטרעטנ מיט אָנפירנדיקע פאָרטראָגנ איבער די פראַגנ פונ דאָרפ און פונ דער קאָלעקטיוויזאַציע פונ דער לאַנדווירטשאַפט אויפ די פּלענומס פונ צק אלקפּ(ב), אויפ די פּאַרטיי-צוזאַמענפאָרנ און קאָנפערענצנ. פונ וו. מ. מאָלאָטאָווס אַרטיקלענ און פאָרטראָגנ איבער די דאָזיקע פראַגנ דאַרפ מענ פריִער פונ אַלצ אָנווײַזנ אויפ די פאָלגנדיקע: די זאַמלונג פונ אַרטיקלענ און רעדעס „די פּאָליטיק פונ דער פּאַרטיי אינ דאָרפ", דעם פאָרטראָג אויפנ XV פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר „וועגנ דער אַרבעט אינ דאָרפ" און אַ גאַנצע רײ אַנדערע, וואָס זײַנענ פאַרעפנטלעכט געוואָרנ די לעצטע יאָרנ.

די פראַגנ פונ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע פונעם לאַנד, דער ערשטער און צווייטער פינפיאָרנ, די ראַטנ-בויונג און די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע, די נאַציאָנאַלע פראַגע און די פרײַנטשאַפט צווישנ די פעלקער פונ ססר און, ענדלעכ, די פראַגנ פונ דער צווישנפעלקערלעכער פּאָליטיק און פונעם אינטערנאַציאָנאַלנ קאַמפ פאַר קאָמוניזם — אָט דאָס אַלצ זײַנענ טעמעס, וואָס זיי ווערט אָפּגעגעבנ גרויס אויפמערקזאַמקייט אינ מאָלאָטאָווס אַרטיקלענ און אַרויסטרעטונגענ. (זע פאָלגנדיקע ווערק זײַנע, וואָס זײַנענ דערשינענ: „אינ קאַמפ פאַר סאָציאַליזם"—אַ זאַמלונג פונ אַרטיקלענ און פאָרטראָגנ, „די גרויסע פעלקער-פרײַנטשאַפט אינ ססר"— אַ זאַמלונג פונ רעדעס, „אַרטיקלענ און רעדעס" (1935—1936 יי.), „די לעקציעס פונ דער שעדיקערײַ, דיווערסיע און שפּיאָנאַזש פונ די יאַפּאַניש-דײַטשיש-טראָצקיסטישע אַגענטנ", „צום צוואַנציקסטנ יאָרטאָג פונ דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע").

וו. מ. מאָלאָטאָוו איז באַקאַנט דער פּאַרטיי און די ברייטע מאַסנ אַרבעטנדיקע אַלס לענינס טרײַער שילער און אַלס נאָענטסטער מיטקעמפער פונעם פירער פונ די פעלקער כאַווער סטאַלינ. ער איז באַקאַנט אַלס איינער פונ די גרעסטע אָרגאַניזאַטאָרנ און אָנפירער פונ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און פונ דער ראַטנמאַכט.